# „אָרט“־ידיעות

## (וואַרשטאַט און אַקער)

אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פונם
פאַרבאַנד פאַר מלאכה און ערד־אַרבעט בא יידן («אָרט»)
Verband-„ORT“, Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telefon: Lützow 4986-88

Nr. 11 — בערלין, נאָוועמבער 1929 — V-טער יאָרגאַנג

## די «רהיינמעטאַל» שרייבמאַשין

איז אַן ערשטקלאַסיקער פּראָדוקט פון דער דייטשער שרייבמאַשין־אינדוסטריע

זי פאַרקערפּערט אין זיך דעם סך־הכל פון דער גאַנצער
ערפאַרונג פון דער מאָדערנער שרייב־מאַשין־טעכניק
די גרעסטע איינפאַכקייט ביי דער העכסטער פולקומענקייט פון דער קאָנסטרוקציע
פּרעמירט אויף אַ רייע אויסשטעלונגען דורך גרויסע פּרייזן און גאָלדענע מעדאַלן.




Rheinische Metallwaren- u. Maschinenfabrik Sömerda A.-G., Sömerda-Erfurt.

## ספּעציעלע פאַבריק פאַר קוואַליטעט־נאָדלען

## Georg Printz & Cie. Aachen

געגרינדעט 1840







גיט אַכטונג אויף אונזערע וועלט־באַ־
קאַנטע פאַבריק־מאַרקן, אונטער וועלכע
מיר שטעלן צו אין משך פון לאַנגע יאָרן
אונזער קוואַליטעט־פּראָדוקציע
אויפן מאַרק






בליץ־נאָדלען




אַחוץ בליץ־נאָדלען און מאַשינען־נאָדלען
פאַבריצירן מיר כלערליי

### נאָדלען פאַר האַנטאַרבעט

האַפט־נאָדלען
צירעוואַניע־נאָדלען
זעק־נאָדלען
מאָדיסטן־נאָדלען
פעלץ־נאָדלען
אויפּצי־נאָדלען
פּערל־נאָדלען א. א. וו.

מאַשינען נאָדלען
ראַד/אַנקער




אין פּרימאַ־קוואַליטעט צו גינסטיקע פּרייזן
גוטע געצייג גאַראַנט. לייכטע ניי־אַרבעט

# AEG-
## ELEKTRO-WERKZEUGE



האנט־ און טיש־ בארמאשינען
שלייף־מאשינעס, עלעקטרישע
קיך־מאשינעס, לופט־פומפעס פאר
אויטאמאבילן, אוניווערסאל־האלץ־
באארבעטונג־מאשינעס, הויז־וואַ־
סער־פומפעס **AEG**

Allgemeine Elektrizitäts-Gesellschaft
Abteilung Rußland
Berlin NW. 6 Schiffbauerdamm 26



פילמאל פרע־
מירט מיט גאל־
דענע און זיל־
בערנע מעדאלן

# FESTO

D. R. G. M.
D. R. P.

צו פארווענדן
אלס

**צאַפּן־לאָך־פרעזער** (4 עקיקע לעכער)
**קרום־שניידן / צאפן אויסשניידן**
**האַנט־בויער־מאשינעס** (אויך פאר בינדער)
**טרעפּנוואַנגענפרעזער** (געגוי לויטן שטריך
לינק־ און רעכט־לויף)

מיט אדער אָן אונטערגעשטעל מיט איינריכטונג צו שלייפן
אינסטרומענטן / עקסטרא שטארקער קוואליטעטס־מאָטאָר

טיכטיקע פארטרעטער ווערן געזוכט

**Fezer & Stoll, Maschinenfabrik**
**Esslingen a. N.**

**Reutlinger Strickmaschinenfabrik**
**H. STOLL & Co.**
Reutlingen (Württemberg)



# שטריק־מאשינעס
אין ערשט־קלאַסיקער אויספירונג פאר
## הויז־אינדוסטריע
און אויך
## פאר פאַבריקן
פאַר זאָקן, א. גטערקליידער, ספאָרט־ארטיקלען א. א.
**/ שאַקאָרד־מאַשינעס**
פאר פארשיידנפארביקע, געמוסטערטע ארטיקלען
**האַנט־ און מאָטאָר־אַרבעט**

**GEBRÜDER HAAGA** G.M. B.H.
STUTTGART
**Rundwirkmaschinen-Fahrik**

רונד־טריקאָטאַזש־מאשינעס
אויך פאר שנעללויף
מאָדערנסטע און ערשט־קלאַסיקע אויספירונג
פאר גלאַטע טריקאָ־שטאָפן
רינגל־שטאָפן
פרעסן־וועקסל־מוסטערן
אונטערשלאַק־שטאָף
פלאַטירטע לאַנג־שטר־יפן
און כל־ערליי מוסטערן
(דייטשער מלוכה־פאטענט)



# די קלעס־שטריק־מאשין
## איז די באמת גוטע מאשין פאר
## הויז־ און קליין־אינדוסטריע
**זי איז איינפאַך, לייכט צו באַדינען און האַלט זיך גוט**

**CLAES & FLENTJE** G. M. B. H. / GEGR. 1869 / **MÜHLHAUSEN IN THÜRINGEN**



# שפולראד 553

## G. F. Grosser, Markersdorf (Chemnitztal)

GFG

פלאַך־שטריק־מאַשינעס / רונד־שטריק־מאַשינעס / שפול־מאַשינעס

## פלאַך־שטריקמאַשינעס

צו מאַכן זאָקן, סקאַרפּעטקעס און בכלל אַרטיקלען פון ענליכער בּרייט

פאַרלאַנגט מיינע אָפערטן!

---



## Ernst Rochlitzer

STRICKMASCHINENFABRIK

**MÜHLHAUSEN IN THÜRINGEN**

(DEUTSCHLAND)

פאדערט אומזיסטע אפערטן !

---



איך פאַבּריציר אַלס ספּעציאַליטעט:

טאסטן־רינגעל־אפּאראטן אין פארשיידענע אויספירונ־גען, אויטמאמאיש און פאר האנט־באטריב, פאָדים־פירער איינפאַך און פלאטירט, שלאָס־טיילן, אָנשלאָג־קאַמען א. א.

## פאר שטריק־מאַשינעס

פאדערט אפערטן פון דער

Spezialfabrik für Strickmaschinen-Ersatz- und Zubehörteile

**Richard Triebel, Mühlhausen i. Thür.**

(Deutschland)

---



ריטעהסהאַוזענס

פעלץ־ניי־מאַשינעס

## „SUCCES"

אין דער מאָדערנסטער אויספירונג פאר פוס־ און קראַפט־אַרבעט.

ערשטקלאַסיקע קוואליטעט און פון אריכות־ימים.

בעסטע רעפערענצן.

**M. RITTERSHAUSEN**

PELZ-NÄHMASHINENFABRIK

**BERLIN O 27, Markusstraße 5**

טעלעפאָן: E 4 Alexander 7898

טעלעגראפן־אדרעס: Succes-Berlin

---




ניי־מאַשינעס פאר פאַמיליע און מלאכה

**HAID & NEU-NÄHMASCHINEN**

נייען, האפטן און צירעווען

---

## Sticht & Küppers, M.-Gladbach

vormals GEORG HEIL (Gegründet 1878)

Fabrik textiltechnischer Artikel

פוצוואַלצן־מופטן, שטרעקן־מופטן

צילינדער־טוך, פילץ־טוך, וואלצן־פליוש, שליכט־טוך

לעדערנע צילינדער־הילזן, צילינדער־לעדער

צילינדער־לאַק, טוך־קיט, הילזן־קליי, צילינדער־מאַכעריי

---



## ניי־מאַשינעס פאר שטרוי־היט פון העכסטער לייסטונג

שטאַנדאַרד XIV. צו צונויפנייען אלערליי פלעכטונגען־קאנט דורך ציק־צאַק־שטאך

שטאַנדאַרד XII. אויבערשטאך־ניי־מאשין פאר אלע פלעכטונגען און פעטלעס

שטאַנדאַרד XIII. הוט־באנד־באשניידמאשין פאר שטרוי־, פוץ־ און לינאן־פארמען

שטאַנדאַרד IV. קעטענשטאָך־ניי־מאשינעס פאר היטל־פאבריקאציע

אונזערע פאבריקאטן צייכענען זיך אויס שוין העכער 60 יאָר מיט זייער פיינקייט און אומבאַ־גרענצטע שטארקייט. ערזאץ־טיילן אויך פאר פרעמדע מאשינעס, בעסטע אויספירונג און ביליג

GEBRÜDER JACOB, GERA

**(Vereinigte Maschinen- und Werkzeugfabriken Gebrüder Jacob — Gust. Lappe & Co.)**

געגרינדעט אין 1869 יאר

א שטענדיקער קוואל פון פארגעניגן בא דער ארבעט פאר יעדן

**ציגל־מאכער**

איז דער

**ציגל־אייוון**

**פון ‚SCHAG‘,**

העכער 40,000 אין געברויך.

**ציגל־מאכער!**

מיר גיבן אייך גערן אומזיסט אנווייזונגען וועגן אופן פון דער ארבעט, וועגן דער אויפשטעלונג און דער ווירטשאפטליכע קייט און אויספירליכע ידיעות וועגן זיינע מעלות

Ingenieur Gairing,
**Maschinenfabrik G. m. b. H.**
Riedlingen/Württembg.
(Deutschland)

# קנאל און קאמפ.

צ י ט א ו / ז א ק ס ן

## פאבריק פון אונטערשלאק־שטאפן

באוולנע סארזשע און צאנעל,
האלבוואלענע סארזשע, סאטין
און ארבל־אונטערשלאק

ספעציאליטעט: איינפארביקע סאטין פאר
געשטעפטע דעקן א. א. 160×80
צענטימעטער ברייט

די קארעספאנדענץ אם בעסטן אין דייטש אדער עספעראנטא

Knoll & Comp., Zittau i. Sa.
(Deutschland)

# PHOENIX



בעסטע

## שנעל-ניי־מאשין

פאר

הויז־געברויך
האנטווערק־ווארשטאט
און אינדוסטריע

ספעציעלע ניי־מאשינעס פאר הויל־זוים (מערעזשקע) זיג־זאג שטאך, קנעפל־לעכער א. א. וו.

פאדערט דעם קאטאלאג נר. 370

**BAER & REMPEL**
BIELEFELD
געגרינדעט אין 1865־טן יאר



# Ernst Büchner

Wirkwaren-Fabrik
Neukirchen in sächs. Erzg.

# ספארט־ און באד־ קליידער

פרינצעס־רעקי, דאמען־הויזן און רעפארם־הויזן
טריקא־שטאפן אין קונסטזייד מיט באוול און
וואל אויך מיט א צוגעוועבטן בייקע־אונטערשלאק



ספעציעלע פאבריק פון עלעגאנטע

## פרויען־ און מענער־היט

פון וואל־פילץ

**CARL LOEWE & Co.**
**Neudamm (Deutschland)**

## מכשירים און מאשינעס
פאַר
## קנעפלעך, שפּראַנציקעס און האָר־פּוץ

פון האָרן, קונסט־האָרן, צעלולאָיד
און בלעך

**אַפּאַראַטן און פּרעסן**
אויסצואַרבעטן שטאָף־קנעפלעך

Otto Przyrembel BERLIN C. 25
Werkzeugfabrik Alexanderstraße 9

1373



איר
## זוכט אַ מקור פון חיונה?

א פּליסיר־אנשטאלט גיט אייך די מעג־
ליכקייט פון גרויסע פארדינסטן
אָן צוגרייטונג
ערשט־קלאסיקע מאשינעס און איינריכ־
טונגען באקומט איר פון דער
אלטער ספּעציאַל־פאַבריק

Karl Rabofsky
BERLIN S.W. 61 C,
Belle-Alliance-Straße 92

1425

## HUGO HIRSCHFELD
**BERLIN C 2, STRALAUER STRASSE 39**

## קנעפּלעך-פאַבריק



שפּראַנציקעס און קנעפּלעך פון צעלולאָיד,
שטאָף און בלעך

פרויען־ און מענער־קנעפלעך פון העכסטער קוואליטעט

## ברידער צשילע
טוכפאַבריק אַקציען־געזעלשאפט
גראסענהיין (זאקסן)

# שטאָפן

פאַר מענער־ און פרויען־
קליידונג ● טוך פאַר היט
● טוך פאַר אויטאָמאָביל־
● געזעסן

**Gebrüder Zschille, Tuchfabrik Akt.-Ges.**
Grossenhain in Sachsen
(Deutschland)

1828

## אינדאנטרען

דער נייער
אינדאנטרען־




# שירם

האָט ניט זיין גלייכן
קריכט ניט אָפּ
האָט תמיד די זעלביקע
פאַרב

**Alfred Marx, Schirmfabrik**
**Köln-Sülz, Berrenrather Straße 186/190**
(Deutschland) Postschliessfach 22

1848




מונדלאז
ניי־מאשינעס
פון אַלע סיסטעמען

פאר האנט־ און פוס־באטריב,
פאר הויז, ווארשטאט
און אינדוסטריע

אָן פארגלייך אין גוטקייט און לייסטונגפעאיקייט

**Mundlos Aktiengesellschaft, Magdeburg 30**

Nähmaschinen-Fabrik — Gegründet 1863

**Junker & Ruh**

**גאז־פליטן**




ארבעטן מיט דער גרעסטע שפּאָ־
רעוודיקייט און לייכטעסטער באַ־
דינונגס־מעגליכקייט, אויסערסט
ווירטשאפטליך און געטרוי

צו באקומען דורך די ספעציאל־געשעפטן

**Junker u. Ruh A.-G. Karlsruhe in Baden**

Berlin S. 14 / Hamburg / Köln / München

1630

**RESERVIERT FÜR FIRMA**

**רעזערווירט פאר דער פירמע**

**Nikolaus & Günter**

**BERLIN N.**

**Brunnenstr. 52**

Berthold Wachtel, Hamburg 35

Mühlsteinfabrik

Müllerei-Bedarfsartikel

Seidengaze



**Wilburga**

געברויכטע מאשינעס
און טראנסמיסיעס, מאָלשטיינער,
שלאָג־מילן, וואַלצן־שטולן, זיפּן,
עלעוואַטאָרס, שיילמאַשינעס

# שטריק־מאשינעס

## פאר האנט או מאטאר־באטריב

**60-יאָריקע דערפאַרונג**



**Dresdner Strickmaschinenfabr. Irmscher & Witte A.G.**

**Dresden A 28**

# „אָרט“-ידיעות

## (אין ווארשטאט און אויפן פעלד)

ארויסגעגעבן פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פונם פאַרבאַנד פאַר מלאָכה און ערד-אַרבעט בא יידן („אָרט“)

Verband-„ORT“, Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telephon: Lützow 4986-88

V-טער יאָרגאַנג — בערלין, נאָוועמבער 1929 — Nr. 11


# א נאציאנאלע אויפגאבע

ניט בלויז לעבעדיקע אינדיווידועלע באשעפענישן אדער סאציאלע און נאציאנאלע קאלעקטיוון, נאר אפילו געזעלשאפטליכע אויפגאבן האבן יעדערע איר באזונדער מזל. פאראן אויפגאבן, וואס ווערן אין א גליקליכער שעה געבוירן, קומען אָן אויף דער וועלט מיט גרויס פאַראַד, באַשאָנקען מיט פראַכט און גלאנץ, ארומגערינגלט מיט א באזונדער אָרעאל. זיי רוקן זיך ארויס אויבנאָן, פארנעמען די אַוואַנסצענע און שטעלן זיך אין צענטער פון דער געזעלשאפטליכער אויפמערקזאמקייט. פאראן, פארקערט, אויפגאבן, וואס זיינען לויט זייער תוך אפילו זעהר וויכטיקע, אבער בטבע באשיידענע, געבענטשט (אדער פארשאלטן?...) מיט דער מידה פון עניוות, עפעס זעען זיי זיך ניט אָן, זיי פעלט אָט דער אויסערער פראַכט און גלאנץ, וואס רעדט צו דער פאנטאזיע, וואס קאן באצויבערן. זיי מאכן דורך זייער אָפּט שווערן און דערנערפולן וועג ניט אין שטראלנדיקן ליכט פון יום-טוב, נאר אין שאטן פון גרויער וואכעדיקייט. דאס זיינען, אזוי צו זאגן, געזעלשאפטליכע קאטעגאריעס בבחינת „באָנציע שווייג“ . . .

צו אט דער קאטעגאריע באשיידענע, ניט אנזעעוודיקע אויפגאבן געהערט בא אונז די פראָפּטעכנישע בילדונג. שטיל און פאראיינזאמט, פאררוקט ערגעץ אין א ווינקל, ווייט פון דער ברייטער עפנטליכקייט, מיט גראשענע מיטלען און אין כסדרדיקן קאמף מיט דעפיציטן, ווערט געפירט בא אונז די דאזיקע ארבעט, וואס איר אויסשליסליכן ווערט און באַטייט פארשטייט מען בא אונז ניט צו שעצן. געוויס וועט קיינער ניט פארלייקענען די נויטיקייט און נוצליכקייט „לערנען ארימע קינדער א מלאכה“, „געבן זיי א אומנות אין האנט“, אבער מאכן פון פראָפּטעכנישער בילדונג „א גאנץ וועזן“, שטעלן עס אין איין רייע מיט אונזערע „גרויסע נאציאנאלע אויפגאבן“ — דאס לייגט זיך גאר ניט אויפן שכל, דאס איז שיעור ניט א חלול-הקודש....

ווי איז אבער די אָביעקטיווע לאגע? ווי זעט אויס די זאך אין דער ווירקליכקייט?

קודם כל דארף מען אָפּוואַרפן די פארעלטערטע פארשטעלונג, אז עס האנדלט זיך פון עפעס א באזונדער שיכט „ארימע קינדער“, וועמען מ׳דארף לערנען א מלאכה. ס׳זיינען ווירקליך געווען צייטן, ווען אין א באלעבאטיש יידיש הויז האט זיך שיעור ניט פאר א חרפה גערעכנט צו דערציען דאס קינד פאר א בעל-מלאכה, דאס איז געווען דער „ביטערער גורל“ בלויז פון די נידעריקסטע, ארימסטע שיכטן. יענע צייטן זיינען אבער פארשוואונדן און מ׳דארף האפן אויף תמיד. אצונד איז, על כל פנים פאר דער יידישער באפעלקערונג אין מזרח-אייראָפּע, די פראגע וועגן פראָפּטעכנישער בילדונג אן אלגעמיינע אָנגעלעגנהייט, וואס איז נוגע אומיטלבאר די ברייטסטע קרייזן פון פארשיידנסטע פאלקס-שיכטן — „פון רב ביז בעדער“, ווי עס ווערט געזונגען אין פאלקס-לידל. אצונד ווייזט זיך ארויס, לויט אן אנקעטע, וואס איז דורכגעפירט געווארן צווישן דער יידישער ארבעטער-יוגנט אין פוילן, אז העכער א דריטל פון דער דאזיקער יוגנט שטאמט פון אָט די באלעבאטישע הייזער*). אין די פראָפ. שולן פון „ארט“ אין ווארשע, למשל, האבן אין 1927-טן יאר קינדער פון סוחרים געבילדעט אפילו ביז 60 פראצענט פון די תלמידים**).

דאס איז ניט נאר העכסט סימפטאמאטיש און ווייזט באַשיימפערליך אויפן ראדיקאלן שינוי-ערכין, וואס איז פארגעקומען אין דער באלעבאטישער פסיכאלאגיע, דאס איז דאך דער דירעקטער אויסדרוק פון יענעם איבערשיכטונגס-פראצעס, וואס בילדעט מיט זיך דעם כאראקטעריסטישן שטריך פון אונזער תקופה. און דאָ, אין דעם פונקט, שטויסט איז זיך אויך אן אויף דער הארבסטער פראבלעם פון אונזער צייט — אויף דער פראָבלעם פון די דעקלאסירטע, וואס איז אייגנטליך א פועל-יוצא פונם תהום צווישן דער נויטווענדיקייט און מעגליכקייט פון דער דאזיקער איבערשיכטונג: די אלטע האנדל-פארמיטלערישע פאָזיציעס גליטשן זיך ארויס אין א סך שנעלערן טעמפּ איידער עס גיט זיך איין צו פארנעמען די נייע ארבעטס-פאזיציעס. און איז עס פארן עלטערן דור טיילווייז א טראגעדיע אָן אן אויסוועג, ווייל פאר די, וואס געפינען זיך אין מיטן לעבנס-וועג, איז אָפּט שוין אומעגליך צו ענדערן אים, איז פאר דעם יונגען דור, וואס גרייט זיך ערשט אריינצוטרעטן אין לעבן און פאר וועמען די וועגן זיינען נאך אָפן, שטייט אין איר גאנצער גרויס און ערנסט די פראָבלעם, ווי אזוי אָנצויאָגן דאס, וואס די עלטערן האבן פארזוימט, ווי אזוי צו באזייטיקן אט דעם תהום צווישן דער נויטווענדיקייט און מעגליכקייט אין אָט דעם איבערשיכטונגס-פראָצעס, ווי אזוי, דורך וועלכע דרכים און מיטלען, צו פארנעמען און פארפעסטיקן פאר זיך אט די נייע ארבעטס-פאזיציעס.

און דא וואקסט פאר אייך אויס די פראָפּטעכנישע בילדונג אין אן אלגעמיין-נאציאנאלער אויפגאבע פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט. ז׳, די פראָפּטעכנישע צוגרייטונג פונם יונגען דור, דארף אונז געבן דעם שליסל צו אט די נייע ארבעטס-פאזיציעס סיי אין דער פאבריק און

---

*) ז. ארטיקל פון י. לעשצינסקי: „די יידישע ארבעטער-יוגנט אין פוילן“ („ווירטשאפט און לעבן“, נר. 8).

**) ז. ארטיקל פון ל. פרענקעל: „צום נייעם לערן-יאר“ („אָרט“-ידיעות“ נר. 16).

סיי אין האנטווערק-ווארשטאט. מיר דארפן זיך אין דעם פרט לערנען בא אונזערע שכנים. דאס פאריקע מאל איז אונז אויסגעקומען אונטערצושטרייכן די הינטערשטעליקייט פון יידישער מלאכה לגבי דעם שכנישן האנטווערק. און ווען איר קוקט זיך צו צו די גרויסע אנשטרענגונגען, וואס ווערן די לעצטע יארן געמאכט מצד אונזערע שכנים צו הויבן דעם ניוואָ פון האנטווערק און פארגלייכט עס מיט דעם, וואס ווערט בא אונז אין דער הינזיכט געטאן, ווערט פאר אייך קלאר, פארוואס מיר זיינען אזוי הינטערשטעליק. און דערביי טאר מען נאך ניט ארויסלאזן פון אויג, אז בא אונז, אין אונזער „נאציאנאלער ווירטשאפט", פארנעמט דער מלאכה-געביט גאר ניט אין אן ערך א גרעסערן און חשובערן פלאץ, ווי בא די אומות העולם. און דאך...

מיר וועלן זיך דערלויבן אָנווייזן אויף איין קליינעם פרט, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש און באַלערנד. א גאנץ גרויסער פראצענט תלמידים פארלאזן בא אונז די פראפעסיאנעלע שול שוין אויפן צווייטן יאר, און סיווערט באצייכנט, אלס איינע פון די סבות פון אט דער טרויעריקער דערשיינונג: דער תלמיד האט פיל באוויזן, האט זיך אויסגעצייכנט מיט גוטע פעאיקייטן צו דער ארבעט... וועט איר דאך פרעגן, וואס פאר א סמיכת הפרשה האבן די גוטע פעאיקייטן פונם תלמיד מיטן פריצייטיקן פארלאזן די שול? אין פלוג האט זיך דאך באדארפט באקומען פונקט דער היפוך: די פעאיקערע תלמידים האבן זיכער באדארפט דורכמאכן דעם גאנצן קורס? די זאך האט אבער איר פשוטע דערקלערונג: די עלטערן האבן ניט קיין מעגליכקייט אויסצוהאלטן דאס קינד אין משך פון די עטליכע יאר, וואס ער לערנט זיך אין שול, און ווי באלד ער האט באוויזן צו דערלערנען די ראשי-פרקים פון דער ארבעט, נעמען זיי אים צו און שיקן אים אין ווארשטאט, ער זאל מיטהעלפן טראגן דעם פרנסה-יאך. די שול, פון איר זייט, וואס, ווי געזאגט, קומט איר אזוי אויך אויס צו קעמפן כסדר מיט דעפיציטן, האט ווידער קיין מעגליכקייטן ניט אויסצוהאלטן דעם תלמיד, העלפן אים צו פארענדיקן די שול און איז געצוואונגען ארויסצולאזן אים, דעם פעאיקן, א האלב-קאליקע.

כדי אָבער די פראפעסיאנעלע שול זאל באקומען אזא מעגליכקייט, זאל ווירקליך קאנען דערפילן די שליחות אירע, צו געבן דעם יונגן דור א זיכערן געווער אין האנט אין קאמף פארן קיום, מוז זי פארמאגן גאנץ אנדערע מיטלען, גאר ניט אין אן ערך גרעסערע פון די, וואס איז דא אין איר רשות פאר דעם צוועק אצונד. און דאס, ווידער, וועט מעגליך זיין צו דערגרייכן נאר דאן, ווען פראפטעכנישע בילדונג וועט אין אונזער געזעלשאפטליכן באַוואוסטזיין זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון א וויכטיקער נאציאנאלער אויפגאבע, וואס איז ראוי און חשוב צו ווידמען איר געהעריקע פאלקס-כוחות און די ברייטע געזעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט.

געוויס וועט קיינער פון אונז ניט לייקענען, אז דאס איז גאר בעצם א מלוכה-אויפגאבע און אז אומעטום דארף געפירט ווערן דער ענערגישער קאמף פאר דעם, די רעגירונגען זאלן דערפילן אט דעם עלעמענטארן חוב זייערן לגבי דער יידישער באפעלקערונג, מ'מוז אבער האבן אין זין די רעאלע ווירקליכקייט, מ'מאר ניט פארמאכן די אויגן אויף דעם טרויעריקן פאקט, אז באם איצטיקן צושטאנד, בא דער איצטיקער פאָליטיק פון די רעגירונגען, קאן מען ווייניק האפענונג לייגן אויף אן אומיטלבארן דערפאלג אין דער הינזיכט. די לאגע איז אבער דוקא אצונד אזוי אנגעשטריינגט, די געפאר, ארויסגעשטויסן צו ווערן פון די פאזיציעס צוליב דעם מעכטיקן דראנג פון דער שכנישער קאנקורענץ, איז דוקא אצונד אזוי גרויס, אז מיר טארן קיין איין מאמענט ניט פארלירן. דאס איז א דרינגענדע לעבנס-נויטווענדיקייט, וואס מ'מאר ניט פארזוימען.

# אין וועלט פון ארבעט און מלאכה

## ראַציאָנאַליזירונג אין האַנטווערק

III

### פאַלשע עקאָנאָמיעס

ווען מען זאל קומען צו א האנטווערקער און זאגן אים, אז ער דארף לייגן אכט אויף דער באלויכטונג פון זיין ווארשטאט, אז ער דארף זיך גוט איבערלייגן, ווי אזוי איינצוארדענען די באלויכטונג, און דער עיקר, אז ער דארף ניט קארגן דערויף קיין געלט, ווען מען זאל אזוי רייהדן צום האנטווערקער, וועט די זאך בא אים אויסקומען זעהר און זעהר קשא. וואס הייסט, וועט ער זיך טראכטן, שוין זשע האט ניט דער האנטווערקער, וואס איז אזוי געפלאָגט מיט פילערליי דאגות, קיין אנדער זארג, ווי צו טראכטן וועגן באלויכטונג? מען קאן דערויף זיך ווענדן צום בעל-מלאכה מיט אן אויפקלערונג, אז שלעכטע באלויכטונג איז שעדליך פאר די אויגן און אין אלגעמיינעם פארן געזונט. מען קאן אויפווייזן, אז דער האנטווערקער איז מחויב צו זארגן פאר זיין אייגענער געזונטקייט און פארן געזונט פון זיינע לערנייינגלעך און געזעלן, און אזא היגיענישע פראָפּאַגאַנדע ווערט טאקע געפירט ניט פון היינט אָן. נאר וואס זאל מען זיך נארן, עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז מיט פראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג קאן מען דא גארנישט אויפטאן. די געזעצן פון דער עקאנאמישער ווירקליכקייט זיינען שטארקער פאר א גוט-הארציקער פראָפּאַגאַנדע, און כל זמן דער אייגנטימער פון ווארשטאט איז איבערצייגט, אז די הוצאה אויף צו פארבעסערן די היגיענישע באדינגונגען פון דער ארבעט צאלט זיך נישט אָפּ, וועט ער אזעלכע הוצאות פרייוויליק ניט מאכן. לאמיר הערן, וואס עס זאגט וועגן דעם נישט קיין קעגנער פון האנטווערקערטום, נאר דער אָרגאַן פון דעם „דייטשן האנטווערק-אינסטיטוט", וועלכער שטיצט זיך אויף די צענטראלע ארגאניזאציעס פון דייטשן האנטווערקערטום. „יעדער אונטערנעמער טראכט וועגן דעם, אז ער דארף בא זיך האבן א פעסטע גרופע ארבעטער און אנגעשטעלטע, ווארום ווען מען בייט דעם פערסאנאַל, ליידט דערפון די אונטערנעמונג, אבער קיינער פון די אונטערנעמער שטעלט זיך ניט פאר א צוועק צו זארגן פאר זיינע מענשן ווי פאר יחידים. דעריבער האלט מען אומעטום, אז די הוצאות אויף סאציאלע צוועקן זיינען א שטערונג פאר דער אונטערנעמונג און דריקן זי ווי א שווערע לאסט. וויפיל איז פאראן אזוינע אונטערנעמונגען, ווו עס האלט גאר שמאל מיט באלויכטונג, ווענטילאציע,

# בריוו פון פוילן

„עם פידלט ניט". — אפגעשאפט געווארן דער פארבאט פון תבואה-עקספארט, איז ארויסגעשפרונגען א נייע גזרה, דאס מאל מצד די תבואה-פראדוצענטן: באזייטיקן דעם פארמיטלער. — באשלוס ניט צו פארקויפן פריוואטע סוחרים קיין תבואה אויף עקספארט. — בלויז אנטיסעמיטיזם אדער אויך בארעכטיקטער עקאנאמישער אינטערעס? — א סינדיקאט פון תבואה-עקספארטערן צו קעמפן קעגן דער גזרה. — מער שאנסן בא דעם „אוחז ביד". — מיט די פוטער-עקספארטערן האלט שוין גאנץ שמאל. — מ'שטעלט די קאץ היטן די כשרות פון דער פוטער. — „קליינקייטן" פון עקאנאמישן אנטיסעמיטיזם. — דער גיעוג אויף די גאסן-הענדלער. — בפירושע אנטיסעמיטישע טענדענצן אונטערן מאנטל פון היגיענע און עסטעטיק. — די „בשורה טובה".

...„עם פידלט ניט, עם גייט ניט, כאטש צעריים זיך"... אזוי פלעגט אנהויבן מנחם-מענדל זיינע בריוו צו שיינע-שיינדלען, ווען ער פלעגט קומען מיט דער געוויינליכער בשורה, אז פון זיינע קאמבינאציעס און ספעקולאציעס האט זיך אויסגעלאזן א בוידעם. מיט די זעלבע ווערטער וואלט איך באדארפט אנהויבן מיין היינטיקן „בריוו".

אין די פריערקע „בריוו" האב איך אייך געשריבן, אז די תבואה-הענדלער האבן האיאר זיך גערעכט אויף שפע, זיי האבן זיך גענייט, אזוי צו זאגן, א גרויסן בייטל. און פארוואס ניט? תבואה איז פאראן לרוב, דער פארבאט צו עקספארטירן תבואה קיין אויסלאנד איז אפגעשאפט, אדרבה די רעגירונג שטרעבט מיט אלע כוחות אונטערצוטרייבן דעם תבואה-עקספארט, דער מאנאפאל פון תבואה-האנדל, וועלכן די רעגירונג האט אין די לעצטע פאר יאר פאקטיש אריינגענומען צו זיך אין די הענט, איז אויך בטל געווארן, — איז וואס נאך קאן זיך ווינשן א יידישער סוחר!? האבן טאקע די אויסגעהונגערטע תבואה-הענדלער מיט א באזונדער ברען זיך א נעם געטאן פאר דער אלטער „מלאכה", מ'האט מיט דער גאנצער ענערגיע אנגעהויבן צוריק אויפצושטעלן די איבערגעריסענע געשעפט-פארבינדונגען סיי אויפן אינערן, סיי אויפן אויסערן מארק, און מ'האט גערעכנט, אז אט עסט מען שוין. איז אבער אין מיטן-דרינען ארויסגעשפרונגען א נייע גזרה, דאס מאל ניט מצד דער רעגירונג, נאר מצד די תבואה-פראדוצענטן. די לעצטע האבן זיך מישב געווען, אז זיי קאנען זיך באגיין אן די פארמיטלער באם תבואה-ארויספיר קיין אויסלאנד, זיי קאנען אליין טרעפן אויפן אויסלענדישן מארק; און אט זיינען זיך צוריק מיט עטליכע וואכן צונויפגעקומען אויף א קאנפערענץ אלע לאנדווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס — פריצישע און פויערשע — און האבן באשלאסן צו גרינדן א בשותפותדיק עקספארט-ביורא, וואס זאל קאנצענטרירן בא זיך אין די הענט דעם גאנצן פארקויף פון תבואה קיין אויסלאנד. אן דעם הסכם פונם ביורא טאר קיינע פון די אנגעשלאסענע לאנדווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס ניט פארקויפן פריוואטע סוחרים קיין תבואה אויף עקספארט. אין די פאלן, ווען דאס ביורא וועט יא געבן א דערלויבעניש, וועט די באטרעפנדע לאנדווירטשאפטליכע ארגאניזאציע, וואס וועט פארקויפן תבואה א פריוואטן עקספארטער, מוזן אפצאלן א באשטימטע פראוויזיע לטובת דעם בורא.

איר וועט אודאי מיינען, אז אלה תולדות עקאנאמישן אנטיסעמיטיזם, אז דאס עקספארט-ביורא איז ניט מער, ווי א אנטיסעמיטישער אויפטו, געווענדעט קעגן יידישן תבואה-הענדלער? ניין. דאס מאל האט איר ניט געטראפן. ווארום צווישן אונז גערעדט, וואס קומט דעם תבואה-פראדוצענט, ווען ער שטרעבט דערצו, אז דער פולער פרייז, וואס ער לייזט אפ פאר זיין תבואה אויפן אויסלענדישן מארק, זאל בלייבן בא אים אין קעשענע אינגאנצן, אן שום רעדוקציעס לטובת דער פארמיטלערשאפט? ס'איז א בארעכטיקטער עקאנאמישער אינטערעס, וואס איז פאר זיך אליין גענוג שטארק און ברויכט ניט זיך אנצושפארן אויפן אנטיסעמיטיזם. אויב אין אונזער פאל וועט דער אנטיסעמיטיזם יא אויסגענוצט ווערן, איז עס ניט מער, ווי שמירעכץ פארן וואגן, אין וועלכן

---

הייצונג און ריינליכקייט! אמת, אפט זאגן די אונטערנעמער, אז די געהעריקע איינארדנונג פון דעם ווארשטאט וואלט געקאסט צו טייער און וואלט רואינירט די אונטערנעמונג. אפט אבער האנדלט עס זיך ניט וועגן די קאסטן, נאר עס שפילט די הויפט-ראלע די פסיכאלאגישע גלייכגילטיקייט און די אפנייגונג פון יעטווידער נייעס. אפשר איז פאראן דערביי אויך א געוויסער מיין, דהיינו, אפשר איז מען גאר אויסן פטור צו ווערן פון עלטערע ארבעטער און אנגעשטעלטע און צו פארבייטן זיי מיט יינגערע". („בעטריבספירונג", מאי 1929).

גאר אן אנדער פנים באקומט אבער די גאנצע אנגעלעגנהייט, ווען מען זאל קאנען איבערצייגן דעם אונטערנעמער, אז די אדער יענע היגיענישע פארבעסערונג איז פשוט נוציק פאר דער אונטערנעמונג, ד. ה. נוציק פאר די אייגענע אינטערעסן פון די אונטערנעמער. זינט עס זיינען אויפגעקומען די ראציאנאליזירונג-באשטרעבונגען, ווערן אלע היגיענישע פאדערונגען באטראכט אט פון דעם נייעם שטאנדפונקט, און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין זעהר א סך פאלן האבן די אונטערנעמער געהאט א טעות מיט זייער אפנייגונג בנוגע צו פארבעסערונגען אין די ווארשטאטן. לאמיר נעמען די פראגע פון באלויכטונג, וועלכע אינטערעסירט אונז דא היינט. גענויע קאלקולאציעס האבן דערוויזן, אז עס איז ניטא קיין פאלשערע זאך, ווי צו קארגן אויף באלויכטונג. דאס איז א פאלשע עקאנאמיע, וועלכע קאסט דעם אונטערנעמער געלט, בשעת ער מיינט, אז ער האט דא עפעס איינגעשפארט. אין א רייע אונטערנעמונגען האט מען פארגרעסערט די באלויכטונג אין 4—3 מאל, ווי עס האט זיך געפאדערט לויט היגיענישע נארמען, און מען האט נאכגעקאנטראלירט, צי איז געשטיגן די פראדוקציע א דאנק דעם און אויף וויפיל. כדי צו האבן א ריכטיקע פארשטעלונג וועגן דעם נוצן אדער שאדן פון דער גרעסערער באלויכטונג, האט מען אויסגערעכנט, וואס פאר א פראצענט פון ארבעטס-לוין עס האט אויסגעמאכט די צוגאב-הוצאה אויף באלויכטונג. די גענויע ציפער האבן געוויזן, אז די צוגאב-הוצאה האט באטראפן פון 2—6 פראצענט בנוגע צום ארבעטס-לוין, און פון דער אנדער זייט איז די פראדוקציע געשטיגן אויף 26—10 פראצענט אין פארגלייך מיט דער פריערדיקער פראדוקציע בא דער שלעכטער באלויכטונג. אזוינע פאקטן האבן געגעבן דאס רעכט דעם אמעריקאנער פארשער גילברעטס זיך אזוי אויסצודריקן: די בעסטע באלויכטונג איז אויך די ביליקסטע. דא טאר מען ווייניקער פאר אלץ שפארן. אקוראט ווי דאס אויג איז וויכטיק פארן מענשן, איז די באלויכטונג וויכטיק פאר זיין ארבעט.

גוטע באלויכטונג דארף פריער פאר אלץ געבן גענוג ליכטיקייט, און דערפון נעמען זיך די צוגאב-הוצאות לגבי דער געוויינליכער ניט גענוגנדיקער באלויכטונג. אבער א סך ליכטיקייט שאפט נאך ניט די גוטע באלויכטונג. עס מוזן גענומען ווערן אין אכט נאך געוויסע אנדערע באדינגונגען, וועלכע זיינען ניט מינדער וויכטיק. קודם כל מוז מען זארגן, אז די באלויכטונג זאל ניט בלענדן. איטליך מאל, ווען צו שטארקע ליכטיקייט-שטראלן פון דעם עלעקטרישן לעמפל אדער פון גאז-לאמפ פאלן דירעקט אין די אויגן פון דעם ארבעטנדיקן, ווערט ער דורך דעם געבלענדעט. די אויגן ווערן צו שטארק געריצט, און אנשטאט בעסער

איך וואלט אייך געוווּנשן, איר זאלט זיך אמאָל דורכשפאצירן דורך אונזער סמאָטשע אדער דזיקע גאס און א קוק טון, ווי ס'שטייען אונזערע יידישע שפייז=קרעמערס מיט קאלטנאוואטע בערד, מיט פארשמאלצעטע היטלען, אָנגעטון אין ווייסע קיטלען, וועלכע זיי טראגן מיט א בפירושן אומווילן, אומחן, כמעט מיט אן עקל. נו, מילא פון די קיטלען האט זיך דער גאסן=הענדלער ווי ס'איז ארויסגעדרייט, אבער זיינע מלבושים מוזן זיין ריין, און זיין סחורה מוז ער אויפהאלטן אין א סאניטארן צושטאנד. אבער גייט זייט א בריה און היט אָפּ די סאניטארע דינים, ווען מ'האנדלט אויף דער גאס אין שטויב, אין שמוץ, אין רעגן. גייט דעריבער א שטענדיק געיעג אויפן גאסן=הענדלער, וועלכער ווערט פארציטערט, ווען ס'דערנענטערט זיך צו אים א סאַניטאַרער אדער פאליציייאישער באַאמטער, קאן ער ניט מאכן קיין פּיס אדער זיך אויסבאהאלטן, קאן ער אויך ניט ראטעווען זיך מיט א מתנת=יד, ווערט ער געבודקט, און אין דער גרעסטער צאל פאלן ווערט זיין סחורה קאנפיסקירט און ער אליין פארהאלטן פארן עובר זיין אויף די סאַניטאַרע פארשריפטן.

די גאסן=הענדלער, וועלכע פארקויפן ניט קיין עסן=ווארג, נאר אזעלכע זאכן, אויף וועלכע סאניטארע פארשריפטן זיינען איבערהויפּט ניט חל (זאקן, קראוואטן, שפילצייג, שטעקנס וכדומה), האבן אויף זיך אן אנדער פּלאָג. זיי טארן ניט בלייבן שטיין אויף איין אָרט, זיי דארפן ארומגיין, זיי טארן זיך ניט באווייזן אויף די צענטראלע גאסן, זיי מוזן אָנשטענדיק אויסזען, און אויב ס'פאדערט זיך אן אָנשטענדיק אויסזען, קאן מען שוין גרינג פסלענען יידישע הענדלער, וואס טראגן ווי אויף צו להכעיס לאנגע בערד און נאך לאנגע קאפּעטעס דערצו.

אונטער די אלע היגיענישע און עסטעטישע טעמים ליגט פארשטעקט א בפירושע אנטיסעמיטישע טענדענץ, וועלכע קומט באזונדערס צום אויסדרוק אין די באמיאונגען פונם אינוואלידן=פארבאנד, אז דער גאנצער גאסן=האנדל זאל אונטערגעווארפן ווערן א קאָנצעסיע=ארדענונג. יעדער איינער, וואס וועט וועלן זיך פארנעמען מיט גאסן=האנדל, זאל מוזן באקומען א אנטשפרעכנדע דערלויבעניש פון דער מאכט. די כונה פון די אינוואלידן ליגט אויבן אויף. אויב ס'וועט האלטן בא קאנצעסיעס, וועט נאטירליך א פּאָליאק און אן אינוואליד דערצו גיכער באקומען א דערלויבעניש, ווי א ייד, וואס האט ניט געהאט די זכיה צו פארלירן א האנט צי א פוס אין דער מלחמה.

בא היינטיקן טאג קאן מען נאך ניט וויסן באשטימט, צי דער באגער פון די אינוואלידן האט אויסגעזיכטן אויף דערפאלג. לעת=עתה אבער פארטיידיקן זיך די יידישע גאסן=הענדלער און לאזן זיך ניט ארויסרייסן פון מויל זייער ארים=שטיקל ברויט. מיט א חודש צוריק האט א דעלעגאציע פונם צענטראלן יידישן קליינהענדלער פארבאנד אָפּגעהאלטן א קאנפערענץ מיטן ווארשעווער רעגירונגס=קאמיסאר וועגן די רדיפות אויפן גאסן=האנדל. צוליב דער בויך=טיפוס=עפּידעמיע, וואס האט זיך באוויזן אין די יידישע גאסן, האט מען געזאלט איינגאנצן פארווערן דעם גאסן-האנדל מיט פרוכטן. אויף דער אינטערווענץ פון דער דעלעגאציע איז אלס פראבע באשלאסן געווארן איינצופירן, אז אויף יעדן וועגעלע, טישל אדער קוישל, אויף וועלכע די גאסן=הענדלער פארקויפן די פרוכטן, זאל זיך געפינען אן אויפשריפט, אז מ'טאר ניט עסן קיין פרוכטן ניט געשיילט, ניט געוואשן אדער ניט געקאכט. אויסער דעם האט די דעלעגאציע נעפועלט בא'ם קאמיסאר, אז פון היינט אן און ווייטער וועט מען די גאסן=הענדלער, וואס האבן א פּאַטענט פונם מאַגיסטראט צו פירן זייער מסחר, שוין מער ניט פארהאלטן פאר האנדלען אין אנטי=סאניטאַרישע באדינגונגען אדער פאר שטערן דעם גאסן=פארקער, נאר מ'וועט בלויז צונויפשטעלן אויפן אָרט פּראָטאָקאָלן פאר זייערע חטאים, פאר וועלכע מ'וועט זיי דערנאך משפטן אין אנגענומענעם סדר.

אט די דאזיקע בשורה=טובה ברענג איך אייך צו מראגן. אבי איר האט טענות צו מיר, אז רק איך באוויין אייך א קאפּ אין מיינע בריוו און ברענג אייך שטענדיק נאר טרויעריקע ידיעות...

ווארשע, 1=טן נאוועמבער 1929. א. איינענער.

איז צופרידן, ווען עס קומט אים נישט אוים צו הויזן ערגעץ אין א קעלער (סוטערינע) אדער אין א סאלקע אונטערן דאך. ער נעמט די דירה, וועלכע ער קאן באקומען פאר זיין ביסל געלט, און וואס וועלן אים דאָ העלפן אלע עצות און באַרעכענונגען וועגן דעם, ווי אזוי עס וואָלט געדארפט אויסזען א גוטער ווארשטאט. נאר אויך דאָ מוזן מיר זאגן: ניט געאיילט! בא גענויערע באטראכטונגען ווייזט זיך ארויס, אז עס איז כמעט ווי ניטא דער פאַל, ווו מ'זאל ניט קאנען פארבעסערן די אויסנוצונג פון דער אומזיסטער באלויכטונג.

אין א יידישן ווארשטאט האלט מען ניט איבעריק פון ריינקייט, און די שויבן זיינען פארשטויבט און פארשמוצט. האבן אבער געוויזן גענויע אויסרעכענונגען, אז ווען די שויבן זיינען ניט גענוג ריין, פארהאלטן זיי א גרויסן טייל פון דער אריינפאלנדיקער ליכטיקייט. דער אָנווער אין ליכטיקייט צוליב שטויב און שמוץ קאן דערגיין ביז צו 50 פראצענט, און אנטשפרעכנד פאלט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט צוליב אזא קלייניקייט, ווי נישט האלטן ריין די פענסטער. היינט, ווער ווייס עס נישט, אז טאמער ווערט א שויב צעבראָכן, איילט מען זיך נישט אראָפּצוברייגען א גלעזער און מען פאַרשטאָפּט דערווייל דאס פענסטער מיט א שמאַטע אדער מען פאלט גאר אויף א המצאה און אנשטאט דער שויב שלאָגט מען צו א ברעטל. חדשים גייען דערנאך אריבער, די באלויכטונג אין ווארשטאט איז געווארן קלענער, און דער בעל=מלאכה ווייסט ניט, אז די נישטיקע עקאנאמיע אויף א נייער שויב האט אים אָנגעמאכט באדייטנדיק גרעסערע היזקות.

אויב מען איז אזוי אָפּגעלאזן און מען פארשמייט נישט די נויטווענדיקייט צו האלטן די פענסטער אין ריינקייט און אָרדענונג, כדי אויסצוניצן אויף וויפיל עס לאזט זיך נאר די ליכטיקע שיין פון טאג, איז אזוינע זאכן, ווי אויסקאלכן דעם ווארשטאט קומען שוין אן ווי קריעת=ים=סוף. אויף אזוינע זאכן האט שוין דער בעל=מלאכה געווים קיין געלט ניט. טא זאל ער וויסן, אז א שמוציקער און פארחושכטער ווארשטאט איז ניט בלויז שעדליך מיט דעם שמוץ זיינעם, — ער פארמינערט אויך די ליכטיקייט. די באלויכטונג פון א לאקאל איז אפּהייגיק נישט בלויז דערפון, וויפיל ליכטיקייט עס פאלט אריין אין לאקאל דורך די פענסטער: זעהר א גרויסע ראלע שפילן דערביי דער סופיט (די סטעלע) און די ווענט. וואס ווייסער און ריינער זיי זיינען, אלץ וויניקער שלינגען זיי איין ליכטיקייט, און אלץ מערער ליכטיקייט שפיגלען זיי אָפּ אין רוים פון לאקאל. ווען מען קומט אריין אין אן אויסגעקאלכטער שטוב און מען זאגט, אז נאכן רעמאנט איז געווארן „ליכטיק אין די אויגן", טרעפט מען מיט דעם דאזיקן פאלקסטימליכן אויסדרוק אין סאמע פינטל. די גענויע אויסמעסטונגען האבן פולשטענדיק באשטעטיקט, אז ווייסע און בכלל העלע ווענט פארשטארקן אין א סך מאל די ליכטיקייט פון די צימערן. אגב באַמערקט, באציט זיך דאס סיי צו דער נאטירליכער טאג=באלויכטונג, סיי צו דער באצאלטער קינסטליכער באלויכטונג אין אָוונט. אין א ווארשטאט מיט טונקעלע און שמוציקע ווענט מוז מען אויסגעבן אין עטליכע מאל מערער געלט אויף עלעקטריע, גאז אדער נאַפט, אויב מען וויל דארט

# פון יידישן עקאנאמישן לעבן אין ליטע און רומעניע

(לויט דער יידישער פרעסע)

מיר האבן, ליידער, ניט קיין ספעציעלע אויספארשונגען וועגן יידישן עקאנאמישן לעבן אין די דערמאנטע לענדער און, נאטירליך, אז ווען איר ווילט באקומען כאטש א וועלכן ניט איז בילד וועגן דעם, ווי אזוי, פון וואס און אין וועלכע באדינגונגען לעבט דארט די יידישע באפעלקערונג, זאלט איר זיך צוערשט ווענדן צו דער ארטיקער יידישער פרעסע: ווער, אויב ניט זי, איז אין דער ערשטער רייע באריפן אפצו-שפיגלען דאס ארטיקע לעבן מיט זיינע טאג-טעגליכע נויטן, זארגן און באדערפענישן, געבן די קאנקרעטע שילדערונגען פון דעם שווערן חיונה-קאמף פון די יידישע מאסן אין שטאט און שטעטל. אין בעסאראביע ליטע און לעטלאנד דערשיינען גאנץ גרויסע יידישע טאג-צייטונגען, וווּ ס'איז דא אין פלוג גענוג פלאץ פאר אזעלכע וויכטיקע ארטיקע אנגע-לעגנהייטן. מיר האבן אבער געפרווט בלעטערן די דאזיקע צייטונגען און האבן דארט געפונען ידיעות און באשרייבונגען וועגן פארשיידנסטע דערשיינונגען און פאסירונגען, וואס קומען פאר אויף דער גארער וועלט, אבער כמעט גארנישט וועגן דער ארומיקער יידי-שער עקאנאמישער ווירקליכקייט.

מיר פארלאנגען, נאטירליך, ניט פון די יידישע צייטונגען, זיי זאלן אונז געבן טרוקענעם סטאטיסטישן מאטעריאל, אבער קארעס-פאנדענציעס פון די ערטער מיט א לעבעדיקער כאראקטעריסטיק פון די יידישע פרנסות — דאס גלויבן מיר, וואלט געקאנט זיין ניט נאר נוצליך, נאר אויך גענוג אינטערעסאנט פארן יידישן לעזער.—

אין דער לעצטער צייט האבן די גרעסערע יידישע צייטונגען אין פוילן איינגעפירט יעדע וואך א „ווירטשאפטליכע ביילאגע". עס וואלט אפשר געווען א יושר, אז די יידישע צייטונגען אין די קלענערע מלוכות זאלן זיך אראפנעמען א מוסר-השכל פון זייערע עלטערע שוועסטער און נאכטאן זייער ביישפיל.

***

איניקע ידיעות וועגן ליטע האבן מיר געפונען אין ארטיקל פון צ. פארט אין ארגאן פון די יידישע קרעדיט-קאאפעראטיוון „דער יידי-שער קאאפעראטאר" (פאר אויגוסט-סעפטעמבער), וואס דערשיינט אין קאוונע.

דער ארטיקל באשעפטיקט זיך מיט די יידישע „פאלקס-בייענק". היות ווי די דאזיקע אנשטאלטן נעמען ארום בערך 75 פראצענט פון די יידן אין ליטע און ס'זיינען דארטן פארטראטן אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, גיבן זיי אונז גלייכצייטיק א געוויסן בילד פון יידישן לעבן בכלל:

„די כמעט 25 טויזנט מיטגלידער פון די יידישע פאלקסבייענק, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר (מיט זייערע פאמיליע-מיטגלידער) לערך 75 פראצענט פון דער גאנצער היגער יידישער באפעלקערונג, טיילן זיך אלס עקאנאמישע שיכטן... אויף א האנדלס-קלאס, האנטווערקער און לאנדווירטן.

„די לאגע פונם הענדלערישן טייל, וועלכער באטרעפט בא אונז 10.500 פערזאן אדער 45 פראצענט פון אלע חברים אין די פ"ב, איז א שווערע צוליב א גאנצער רייע סיבות, וועלכע זיינען פון איין זייט פארבונדן מיט דער קאניונקטור פון לאנד און פון דער אנדער זייט מיטן שטייערן-לאסט, וועלכער ליגט הויפטזאכליך אויף זיי, און מיטן פעלן פון ביליקן קרעדיט....

„לויט די סטאטיסטישע אנגאבן, זיינען אין די פ"ב פארשריבן אלס מיטגלידער 5334 האנטווערקער. ס'איז צו רעכענען, אז לערך איז דאס אויך די אלגעמיינע צאל יידישע האנטווערקער אין ליטע, ווייל די האנט-ווערקער זיינען אמייסטן אלע פארשריבן אלס מיטגלידער אין די פ"ב.

„די עקאנאמישע לאגע פון אט די האנטווערקער איז אן אומגע-הויער שלעכטע. צעווארפן איבער די פיל קליינע שטעטלעך פון ליטע,

---

ארבעטן בא דער זעלביקער ליכטיקייט ווי אין א ריינעם ווארשטאט מיט ווייסע אדער העל-געפארבטע ווענט.

עס געמעגט פארגינען. נאר עס זיינען פאראן נאך אנדערע זאכן אין ווארשטאט, וועלכע קאנען פארבעסערן די באלויכטונג נאר אן יעטווידער



פאלשע איינארדענונג אין ווארשטאט



ריכטיקע איינארדענונג אין ווארשטאט

די ציפער אויף ביידע בילדער באדייטן: 1 — ארבעטס-טישן, 2 — בענקלעך און שטולן, 3 — פרעס-טישן, 4 — ניי-מאשינעס, 5 — אויוועלע פאר די פרעסן, 6 — ארבעטס-שטענדער, 7 — שטאנד פאר קליידער, 8 — הענגער פאר קליידער (לויט „Betriebsführung" יאנואר 1928)

די הוצאה אויף אויסקאלכן א שטוב, און ווער רעדט אויף וואשן די פענסטער איז אזוי קליין, אז דער קאמסטער בעל-מלאכה וואלט זיך

הוצאה. עס האנדלט זיך וועגן דעם, אז מען דארף זיך גוט איבערליינן אין יעדער איינצעלנעם פאל, ווי אזוי אויסצושטעלן אין דעם לאקאל די

שטעלן זיי מיט זיך פאר א מאסע, וועלכע שטארבט פשוט אויס פון הונגער. מיט יעדן טאג ווערן זיי אלץ מער ארויסגעשטופט פון זייערע פאָזיציעס דורך דער אלץ וואקסנדיקער קאנקורענץ פון דער גרויס=אינדוסטריע און פון אויפקומענדיקן ניט=יידישן האנטווערקער, וועלכער איז טעכניש פיל בעסער אויסגעבילדעט און באזיצט אויך די מאדערנערע מאשינעס און געציי. צוליב א גאנצער רייע סיבות איז דער יידישער האנטווערקער שטענדיק נידערשלאגן און פראָבירט אפילו ניט צו געבן א ווידערשטאנד און איינצוהאלטן זיינע עקאנאמישע פאָזיציעס. ער טרוימט שטענדיק וועגן דער מעגליכקייט צו עמיגרירן...

„אין די יידישע פאלקסבאנק זיינען פארשריבן אלס חברים 1300 יידישע לאנדווירטשאפטליכע ווירטשאפטן. לויט די ידיעות, וועלכע עס זיינען בא אונז פאראן, זאלן אזעלכע ווירטשאפטן זיין איבער 2000. דא און דארט אין די פארשיידענע קליינע יידישע שטעטלעך מערקט זיך א געוויסער דראנג זיך איינצוארדענען אויף לאנדווירטשאפט. אונז זיינען באקאנט פאלן, ווען יידן האבן פארקויפט זייערע שטעטלשע הייזער און האבן פאר דעם געלט זיך איינגעשאפט באָדן. מאנכע האבן ספעציעל צו דעם צוועק אפילו באקומען שטיצע פון זייערע קרובים אין אמעריקע".

דער מחבר קלאגט זיך אויף דעם, וואס ס'פעלן מאטעריאלן וועגן דער יידישער לאגע. עס וואלט געווען וויכטיק: „ווען עס זאל דורכגעפירט ווערן א גענויע אויספארשונג פון דער לאגע פון יידישן האנטווערקער בא אונז אין ליטע און עס זאלן אויפגעקלערט ווערן די סיבות, צוליב וואס זיין מצב איז אזא שלעכטער. אזא וויסנשאפטליכע אויספארשונג קאנען די האנטווערקער אליין אויף זיך ניט נעמען".

* * *

אין דער דייטש-יידישער „Bukovinaer Volkszeitung" וואס דערשיינט אין טשערנאוויץ, איז אָפּגעדרוקט א שמועס מיט דעם אייראָפּעאישן דירעקטאר פון „היאס" אהרן בנימין וועגן זיינע איינדרוקן פון דער רייזע איבער בעסאראביע און זיבנבירגען. ער שטעלט זיך באזונדערס אָפּ אויספירליך אויף דער לאגע פון די יידישע פויערים אין די דערמאנטע געגנטן:

„דער יידישער פויער אין בעסאַראַביע און זיבנבירגן איז ממש מיט איבערמענשליכער ליבע צוגעבונדן צו דער ערד, הגם אים קומט דערביי אויס בוכשטעבליך צו הונגערן. דער חלק ערד, וואס דער יידישער קאָלאניסט פארמאגט, איז זעהר קליין, דערפון קומט אים נאך אָפּטמאל אויס אָפּצוגעבן א טייל זיין טאכטער אלס נדן. אין זיבנבירגן און אין מארמאראש=שיגעט פארנעמען זיך די יידישע פויערים נאך מיט נעבן=פרנסות אלס היים-ארבעטער, דער עיקר, מיט וועבעריי. ערשט ניט לאנג איז געשאפן געווארן א פאָנד פון 2000 דאלאר צום איינקויף פון רוי-שטאָפן פאר די היימוועבער אין מאַרמאָראָש=שיגעט. ענליכע פאנדן וואלטן אויך געמוזט געשאפן ווערן פאר די יידישע קאלאניסטן אין בעסאַראַביע. אָפּזאַץ=געביטן פאר אזעלכע אויסארבעטונגען זיינען פאראן, דאס איינציקע, וואס זיי פעלט, איז די מעגליכקייט איינצוקויפן די נויטיקע רוי-מאטעריאלן פאר ביליקע פרייזן. אין דער לעצטער צייט האבן זיך 25 יידישע פויערים פון מאַרמאָראָש=שיגעט מיט דער הילף פון „יק"א" באזעצט אויף ערד אין ארגענטינע. פון בעסאַראַביע איז אַ פּאַרטיע פויערים אריבערגעפירט געווארן אין דרום-פראנקרייך, ווו זיי האבן די אויסזיכטן זיך איינצוארדענען בא דער לאנדווירטשאפט".

* * *

דאס איז דער איינציקער מאטעריאל וועגן דער יידישער עקאנאמישער לאגע אין רומעניע, ליטע און לעטלאנד, וואס מיר האבן געפונען אין דער ארטיקער יידישער פרעסע פאר דער לעצטער צייט! לאמיר האָפן, אז בא דער צווייטער פרעסע=איבערזיכט וועלן מיר צוזאמען מיטן לעזער געפינען זיך אין א גינסטיקערער לאגע...

---

טישן און די מאשינעס און די איבעריקע געגנשטאנדן, וועלכע פאדערן זיך צו דער ארבעט. מיר וועלן אונזער געדאנק דערקלערן אויף א ביישפיל, און יעדערן וועט קלאָר ווערן, וואס מיר ווילן דא זאגן. אויף דער צייכענונג רעכטס איז פארגעשטעלט א שניידערשער ווארשטאט פון עסטרייך. דער ווארשטאט איז גענוג גראַם, אבער ניט איבעריק באקוועם. ער האט צוויי ניט זעהר גרויסע פענסטער און איינע א וואנט שטייט קרום. ווי האט דער דאזיקער בעל=מלאכה זיך איינגעארדנט אין דעם דאזיקן לאָקאַל? ניט לאנג טראכטנדיק האט ער אוועקגעשטעלט אלץ אזוי, ווי עס איז אנגענומען אין א פריוואטער וווינונג. בא די ווענט זיינען אוועקגעשטעלט געווארן די שווערע זאכן, — די ניי=מאשינעס און טישן צום פרעסן — אין דער מיט האט ער אוועקגעשטעלט א פאָר קלענערע טישן און ביינקלעך פאר די ארבעטער. דער פועל=יוצא איז געווען, אז פון די דריי ניי=מאשינעס האבן זיך צוויי געפונען אין דער סאמע פינסטערניש, און דארטן בא דעם ווענטל צווישן פענסטער האט מען עס געארבעט בא דער מאשין. דער שאטן פון דער וואנט פלעגט אויסער דעם פאלן אויף עטליכע ביינקלעך, און אויך א טייל ארבעטער באם טיש זיינען געזעסן אין פינסטערניש. עס איז געקומען אין ווארשטאט דער ראציאנאליזאטאר, ד. ה. דער פארשטייער פון דעם באראטונגס=אמט בא דער ווינער האנטווערקער=קאמער און האט איבערגעאנדערשט די גאנצע איינארדענונג. דער פארגלייך פון דעם נייעם בילד (אויף אונזער צייכענונג לינקס) מיט דעם פריערדיקן בילד ווייזט גלייך, אין וואס איז באשטאנען דער איינפט. דעם ארבעטס=טיש האט מען אוועקגעשטעלט באם סאמע פענסטער און געגעבן אים אזא געשטאלט, אז אלע אכט ארבעטער זאלן זיצן אין דער ליכטיקייט. די ניי=מאשינעס האט מען ארויסגערוקט אין מיטן שטוב, ווו עס איז גענוג ליכטיק. די פרעס=טישן האט מען איבערגעשטעלט און א דאנק אלעם דעם האט מען דערגרייכט נאך אן עקאנאמיע. די ארבעטער איז איצטער אויסגעקומען ווייניקער צו פארלירן צייט אויף צוצוקומען צו די ניי=מאשינעס און צו די פרעס=טישן (מען האט נאך פארביטן די געוויינליכע פרעס=אייזנס אויף עלעקטרישע, און דערפאר זיינען די אייזנס אויף דעם נייעם בילד פארגעשטעלט מיט שנורן צו דער עלעקטרישער נעץ, אבער דאס געהערט נישט צו אונזער היינטיקער טעמע). מען האט נאך צוגענומען א הענגער פאר קליידער, וועלכער האט געשטערט דער באוועגונג און מען האט איבערגעבויט די רערן בא דעם אויוועלע, כדי די פרעס=טישן זאלן פעסט שטיין אין די ווינקלען. נאר דאס זיינען שוין קלענערע זאכן. מיר זעען אויף דעם ביישפיל, ווי מען קאָן אָן הוצאות פארבעסערן די באלויכטונג פון א ווארשטאט. ווי געזאגט, דערגרייכט מען בא א בעסערער באלויכטונג א שטייגערונג פון דער פראָדוקציע. דאס נעמט זיך נישט בלויז דערפון, וואס בא א געהעריקער באלויכטונג ווערן די אויגן נישט אזוי גיך מיד און די ארבעט גייט איבער דעם בעסער. די בעסערע באלויכטונג האט נאך א פסיכאלאגישע ווירקונג, אבער די ארבעטס=פסיכאָלאָגיע איז א זאך, וועלכע פארדינט א באזונדער באטראכטונג.

י. יאשונסקי

# פונם לעבן פון פארבאנד

## גרויסע מיטגלידער-ווערבירונג-אקציע אין איראפע און אין אמעריקע

די צענטראל-פארוואלטונג האט זיך געווענדעט צו אלע לאנדס-ארגאניזאציעס אין איראָפּע און אין אמעריקע מיט א פאָרשלאג דורכצופירן אין דער וואָך פון חנוכה אין אלע לענדער א ברײטע אקציע אויף צו ווערבירן נײע מיטגלידער פאר „ארט“.

דער ציל פון דער דאזיקער אקציע זאל זײן ניט נאר צו פארגרעסערן די אָרטיקע הכנסות פון די „ארט“-ארגאניזאציעס, נאר אויך צו פּאָפּולאַריזירן די „ארט“-אידייען צווישן די ברײטע מאסן פון דער יידישער באפעלקערונג, אקטיווירן דעם אינטערעס מצד די יידישע קבוצים אין מזרח- און מערב-איראפע צו דער אויפבוי-ארבעט אין די מזרח-איראָפּעאישע לענדער און פארשטארקן די זעלבסטעטיקייט פון די יידישע מאסן אין די מזרח-איראפעאישע לענדער גופא. לויט די ידיעות, וואס זײנען אָנגעקומען פון די אָרגאניזאציעס אין פוילן, ליטע און רומעניע, ווערן דארטן שוין געמאכט אלע נויטיקע הכנות אויף דורכצופירן די ווערבירונג-אקציע אין א געהעריקן פארנעם.

## אַמעריקע

### צו דער באַנײאַונג פון דער „אָרט“-קאמפאניע אין אמעריקע

אונטערן פארזיץ פון ה א ו א ר ד ק א ל מ א ן און בא דער באטײליקונג פון פיל אנגעזעענע יידישע פערזענליכקײטן איז דעם 24-טן אָקטאָבער פארגעקומען אין האטעל „אַסטאָר“ אין נױ-יארק א קבלת-פנים פאר ד"ר ה ע נ ר י מ א ס ק א ו י ץ צו זײן אומקערן זיך פון דער איראפע-רײזע.

ד"ר מאסקאָװיץ האט קלאר און שארף געשילדערט די טרויעריקע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין מזרח-איראפע, האט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שרעקליכן מצב פון די דעקלאסירטע, הויפטזאכליך פון די יוגנטליכע אין רוסלאנד און אויף דער סיסטעמאטישער פּאַופּעריזירונג פון פוילישן יידנטום. ער האט אויך אָפּגעגעבן אן אויספירליכן באריכט איבער דער לעצטער סעסיע פון צענטראל-ראט פון „ארט“-פארבאנד.

ה. ק א ל מ א ן האט אנגעוויזן אויף די פארשריטן פון דער אינדוסטריאליזירונגס-ארבעט אין רוסלאנד און האט אונטערגעשטריכן, אז די טעטיקײט פון „ארט“ אויף דעם געביט האט זיך ביז איצט פולקום בארעכטיקט און אז „ארט“ דארף אויך ווײטער שפּילן אן אנפירנדיקע ראל באם דורכפירן די דאזיקע ארבעט. נאטירליך, דארף „ארט“ באקומען דערויף די אנטשפּרעכנדיקע באדייטנדע מיטלען.

ס'האבן נאך גערעדט ריכטער י. פ ע נ ק י ן און אדוואקאט מ א ק ס א י ז נ ע ר, וואס האבן ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז די לעצטע טרויעריקע געשעענישן, וואס האבן דערשיטערט דאס יידנטום פון דער גאנצער וועלט, טארן פאר קײן פאל ניט אָפּהאלטן די אויפבוי-ארבעט אין מזרח-איראפע און זי דארף ווײטער געפירט ווערן מיט פארשטארקטער ענערגיע.

אין דעם זין האט די פארזאמלונג אנגענומען א ווענדונג צום אמעריקאנער יידנטום.

### פאלקס-געצייג-קאַמפּיין אין אמעריקע

די דערפאלגרייכע ארבעט פון דער פאלקס-געצייג-קאַמפּיין, וואס איז אָפּגעשוואכט געווארן אין די הייסע זומער-חדשים און האט דערנאָך געמוזט איבערגעריסן ווערן צוליב די טרויעריקע געשעענישן אין ארץ-ישראל, איז אין דער לעצטער צײט ווידער אויפגענומען געווארן מיט גרויס ענערגיע. ווי עס איז צו זען פון דער יידישער פרעסע אין אמעריקע און באזונדערס פונם „פארווערטס“, האט זיך די יידישע עפנטליכקײט ווידער אמאל אנגעהויבן צו דערמאנען וועגן די נויטן פון דער דעקלאסירטער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד. א דאנק דער ענערגיע פון די פירער פון פאלקס-געצייג-קאמפּיין און דעם אינטערעס פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין אמעריקע צו העלפן די יידן אין מזרח-איראָפּע, האט די דאזיקע ארבעט אין משך פון א לפי ערך קורצער צײט געלאזן טיפע ווארצלען. אין אלע וויכטיקסטע פונקטן פון לאנד זײנען נעגרינדעט געווארן ארגאניזאציעס, וואס זײנען שוין צוגעטראטן צו אן אקטיווער זאמלונגס-ארבעט.

דעם 26-טן און 27-טן אקטאבער זײנען אין ניו-יארק פארגעקומען בלומען-טעג פאר די צוועקן פון קאַמפּיין. אלע יידישע אַרבעטער-אָרגאניזאציעס האבן געשטעלט אין דינסט פון די זאמלונגען א גרויסע צאל וואלאנטערן. די מאטעריעלע רעזולטאטן זײנען דא אין איצטיקן מאמענט נאך ניט באקאנט. מען מוז רעכענען, אז די אומרואיקע שטימונג, וואס האט גראד אין דער צײט געהערשט אין ניו-יארק אין צוזאמענהאנג מיט די געשעענישן אויפן אמעריקאנער געלט-מארק, האבן זיך ניט גינסטיק אָפּגערופן אויף די רעזולטאטן פון דער גאסן-זאמלונג. בכל אופן זײנען אבער די בלומען-טעג געווען א גרויסע מאניפעסטאציע פאר דער וויכטיקער פאלקס-זאך.

פון לאָס-אנדזשעלעס באריכטעט מען וועגן א קאָנצערט, וואס איז דארט פארגעקומען דעם 21-טן אָקטאָבער. דער קאנצערט האט ארײנגעבראכט פאר דער פאלקס-געצייג-קאמפּיין 2000 דאָלאַר.

די טעג קומט אין פילאדעלפיע פאר א זאמלונג פון הויז צו הויז. אין יאנואר דארף פארקומען דער ערשטער צוזאמענפאר פון די קאמיטעטן פון פאלקס-געצייג-קאמפּיין מיטן צוועק צו פארברײטערן און באפעסטיקן די אקציע.

## רוסלאַנד

### אָפּמאך פון „אָרט“ מיטן „קאָמזעט“ וועגן רוי-שטאָף פאר דעקלאַסירטע

דעם 12-טן נאוועמבער איז צווישן „קאמזעט“ און דער פארטרעטונג פון „ארט“-פארבאנד אין מאסקווע אָפּגעשלאסן געווארן אן אָפּמאך, לויט וועלכן דעם פארבאנד ווערט געגעבן דאס רעכט ארײנצופירן פאר דער דעקלאסירטער יידישער באפעלקערונג און בעלי-מלאכות רוי-שטאף אָן צאָל. דער אָפּמאַך איז חל אויך אויפן רוי-שטאף, וואס די קרובים אין אויסלאנד שיקן דורך „ארט“ פאר זײערע נאענטע קײן רוסלאנד.

### גוטע גערעטעניש אויף די פעלדער פון אַדעסער ראַיאָן

